**<u>NY State of Health אויטאמאטישע מעסעדזשינג פריוואטקייט פאליסי</u>**

*גילטיגע דאטום:24 יולי 2024*

דורך געבן פאר NY State of Health אייער סעלפאן נומער האט איר צוגעשטימט (אויסגעוועלט) צו דאס אז NY State of Health זאל אייך שיקן אויטאמאטישע מעסעדזשעס אריינגערעכנט קורצע מעסעדזש סערוויס ("SMS" אדער טעקסט), מולטימידיע מעסעדזשינג סערוויס ("MMS"), אדער וואטסאפ (אלעס צוזאמען "מעסעדזשעס") דירעקט צו אייער סעלפאן נומער (די "סערוויס").

***<u>אינפארמאציע וואס מיר זאמלען</u>***

אינפארמאציע וואס מיר זאמלען פון אייך אין פארבינדונג מיט די סערוויס קען אריינעמען אייער סעלפאן נומער, און דער דאטום און צייט פון אייער אנטווארט (אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו "אנהויב" אדער "ענדע"). **געבט נישט אריין קיין פערזענליכע אינפארמאציע דורך מעסעדזשעס.**

***<u>ווי אזוי מיר נוצן די אינפארמאציע וואס מיר זאמלען</u>***

די סעלפאן נומער וואס איר האט געגעבן פאר NY State of Health ווערט גענוצט צו שיקן מעסעדזשעס פאר אייך דורך די סערוויס, און צו האלטן חשבון פון אייער צושטימונג אדער אפזאג אויסוואלן, אדער פאר שיקן צוקונפטיגע מעסעדזשעס.

***<u>אינפארמאציע וואס מיר טיילן מיט</u>***

מיר שטעלן נישט צו אייער פערזענליכע אידענטיפיצירבארע אינפארמאציע צו קיין דריטע פארטייען אן אייער צושטימונג, אויסער ווי עס שטייט אין דעם פריוואטקייט פאליסי.

מיר קענען ארויסגעבן פערזענליכע אידענטיפיצירבארע אינפארמאציע לויט סיי וועלכע גילטיגע געזעץ, רעגולאציע, אדער לעגאלע פראצעדור אדער רעגירונג פארלאנג, אריינגערעכנט צו רעאגירן צו סובפינעס אדער וואראנטס וואס מען געבט אונז, אדער אין פארבינדונג מיט אנטפלעקונג, פארמיידונג אדער אויספארשונג פון שווינדל.

מיר קענען מיטטיילן אייער פערזענליכע אידענטיפיצירבארע אינפארמאציע מיט אונזערע קאנטראקטארס וואס פירן דורך סערוויסעס אין אונזער נאמען באזירט אויף אונזערע אנווייזונגען. מיר אויטאריזירן נישט די קאנטראקטארס צו נוצן אדער ארויסגעבן די אינפארמאציע סיידן ווי דערקלערט אין די פריוואטקייט פאליסי.

***ענדערונגען צו די פריוואטקייט פאליסי***

מיר קענען איבערמאכן די אויטאמאטישע מעסעדזשינג פריוואטקייט פאליסי אין יעדע צייט און אן קיין פריערדיגע מעלדונג. די גילטיגע דאטום פון די יעצטיגע פריוואטקייט פאליסי וועט שטיין אויבן פון די פאליסי. ביטע באמערקט אז אונזערע רעכטן צו נוצן אייער פערזענליכע אידענטיפיצירבארע אינפארמאציע וועט זיין באזירט אויך די פריוואטקייט פאליסי וואס איז אין קראפט אין די צייט וואס די אינפארמאציע ווערט גענוצט. אויב איר שטעלט זיך קעגן צו סיי וועלכע פון די אפדעיט'עד טערמינען פון די פאליסי, מוזט איר אפשטעלן אייער באנוץ פון די סערוויס דורך דעם פראצעדור וואס ווערט געשילדערט אין די אויטאמאטישע מעסעדזשינג טערמינען פון סערוויס אוועילעבל אויף []. דורכ'ן פארזעצן צו נוצן די סערוויס נאכדעם וואס מען האט אייך געמאלדן וועגן ענדערונגען צו די פריוואטקייט פאליסי, זענט איר איינשטימיג צו זיין געבינדן דורך די איבערגעמאכטע פריוואטקייט פאליסי.